


# שנעלע רעאקציע סערוויסעס

**הילף פאר ביזנעסער וואס שטייען אויס א פארמינערונג**

## וואס איז א שנעלע רעאקציע?

שנעלע רעאקציע איז א סערוויס וואס מיר שלאגן פאר פאר ביזנעסער און ארבעטסגעבער וואס זענען אפעקטירט געווארן פון א פארמינערונג און סייט פארשליסונגען. מיר שטעלן צו פריע ארבעטס פלאצירונגען הילף און אנדערע סערוויס מיטלען.

## מיטגעטיילטע ארבעט

אונזער ראיאנאלע טיעם העלפט באשיצן אייער ארבייטער דורכאויס א צייטווייליגע ביזנעס אונטערגאנג דורך די מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם. מיטגעטיילטע ארבעט גיבט אייך אן אלטערנאטיוו פארן אפלייגן אייער ארבייטער. דאס ערלויבט אייך צו האלטן טרעינירטע ארבייטער אין פלאץ. אונטער דעם פראגראם, קען אייער ביזנעס:

- פארמינערן די צאל פון נארמאלע ארבעט'ס שעה'ן פאר א באזונדערע יוניט, שיפט, אדער אלע איינגעשטעלטע
- רעכנט אריין פולע און פארט-טיים ארבייטער אינעם פלאן
- גיבט זיך איין פאר א פלאן מיט א מינימום פון צוויי ארבייטער
- איינשטימען צו פארזעצן פרינדזש בענעפיטן שטאפלען, אויסער אויב איר מוזט דאס פארמינערן פאר אייער גאנצע ארבעטסקראפט
- סופלעמענט פארלוירענע באצאלונג מיט טיילווייזע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס (UI) בענעפיטן (מאקסימום פון 26 מאל זייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע דורכאויס א בענעפיט יאר)
- פארלאנגט אז די מיטגעטיילטע ארבעט אנטיילנעמער פארבליבן אוועילעבל צו ארבעטן פאר אייך אין זייערע געווענליכע ארבעט'ס סקעדזשול

### ספעציפישע אינפארמאציע אנבאלאנגט מיטגעטיילטע ארבעט:

dol.ny.gov/shared-work-employer-eligibility-and-application

## ניו יארק סטעיט WARN אקט

נאכדעם וואס א ביזנעס האט שוין פראבירט יעדן אויסוועג צו פארמיידן אן אפלייג, קען אונזער טיעם צושטעלן פערזענליכע ארבעט'ס פלאצירונגען סערוויס בעפאר אן אפלייג פאסירט בשעת'ן כסדר מיטארבעטן מיט ארגאניזירטע לעיבאר (ווען באהאפטן) און אויפגענומענע דרויסענדיגע פירמעס. מיר שטעלן אויך פאר ארבעט זוכער פאר די קאריערע צענטער סיסטעם.

ביזנעסער אינערהאלב ניו יארק סטעיט וואס האבן 50 אדער מער פול-טיים ארבייטער זענען פארלאנגט צו ארויסגעבן א ארבעטער אדזשאסטמענט און ריטרעינינג נאטיפיקאציע (WARN) 90 טעג בעפארן אפשליסן א פלענט. זיי מוזן אויך איינמעלדן ווען עס איז דא אן אפלייג וואס אפעקטירט:

- 33 פראצענט פון די ארבעטסקראפט (אמווייניגסטנס 25 ארבייטער)
- 250 ארבייטער פון אן איינצלנע ארבעט'ס ארט

### זיי מוזן שיקן די מעלדונג צו:

- אלע אפעקטירטע ארבעטער
- זייערע פארשטייער
- די סטעיט לעיבאר דעפארטמענט
- לאקאלע ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט באורד
- די טשיף ערוועלטע אפיציעל פון די יוניט אדער יוניטס פון לאקאלע רעגירונג ווי די ארבעט'ס ארט געפינט זיך
- די שולע דיסטריקט אדער דיסטריקטס וואו די ארבעט'ס ארט געפינט זיך
- די געגנט וואס שטעלט צו פאליצי, פייערלעשער, עמערדזשענסי מעדיצינישע אדער אמבולאנס סערוויסעס, אדער אנדערע עמערדזשענסי סערוויסעס, צו די געגנט וואו די ארבעט'ס ארט געפינט זיך

### סטעיט WARN רעגולאציעס:

dol.ny.gov/warn-worker-adjustment-and-retraining-notification

## בענעפיטן פאר אייער ביזנעס

ביזנעסער האבן נידעריגערע ארבעטסלאזע אינשורענס קאסטן, צוליב וואס מענטשן קענען זיך צוריק שנעלער ווען זיי הייבן אן סערוויסעס בעפאר אן אפלייג. עס האלט אן א מאראל און פארשריט, צוליב דעם וואס שנעלע רעאקציע טוט צייגן אייער ביזנעס אלס הויעך פאר די ארבייטער אין טראנזישען.

## בענעפיטן צו אייער ארבייטער

ארבייטער וועל ערהאלטן צייטליכע ארבעט'ס פלאציערונג הילף, אריינגערעכנט:

- ארבעט'ס ריפערעל
- פערזענליכע דזשאב פעיר
- קאריערע אנטוויקלונג
- רעזומעי צוגרייטונג
- ארבעטס מארקעט אינפארמאציע
- טרענירונג אפציעס
- באנוץ פון JobZone – זוכט דא: **jobzone.ny.gov** פאר קאריערע אפשאצונגען צו אידענטיפיצירן אינטערעסן און ארבעט'ס ווערדן. עס שלאגט אויך פאר דזשאבס וואס ענדלען אין די אינטערעסן, שלאגט פאר א רעזומעי אויפבוי און שטעלט צו א לאקאלע דזשאב פעיר סקעדזשול

## אינפארמאציע איז אויך צוגעשטעלט אנבאלאנגט:

- פיילן אן ארבעטסלאזע אינשורענס קלאגע **dol.ny.gov/unemployment/file-your-first-claim-benefits**
- פארגלייכט העלט דעקונג אפציעס
- אידענטיפיצירט נוצבארע קאמיוניטי הילפסמיטלען

## ראיאנאלע שנעלע רעאקציע קאארדינעיטערס

### קאפיטאל ראיאן

Taylor McKinzie
**518-457-1505**
**Taylor.McKinzie@labor.ny.gov**

### צענטראלע ראיאן

Paula Yerdon
**315-479-3435 / פאקס 315-479-3216**
**Paula.Yerdon@labor.ny.gov**

### פינגער לעיקס ראיאן

Erica Bruce
**585-258-8861 | פאקס: 585-339-9457**
**Erica.Bruce@labor.ny.gov**

### לאָנג איילאַנד ראיאן

Frederick Danks
**516-934-8560 / פאקס 516-433-3799**
**Frederick.Danks@labor.ny.gov**

### האדסאן וועלי ראיאן

Elias Flores
**845-568-5392 / פאקס 845-568-5321**
**Elias.Flores@labor.ny.gov**

### מויהאק וועלי ראיאן

Michael Clark
**315-793-2491 / פאקס 315-793-2216**
**Michael.Clark@labor.ny.gov**

### ניו יארק סיטי

Angelique Tiam-Fook
**718-613-3659**
**Angelique.Tiam-Fook@labor.ny.gov**

### צפון קאנטרי ראיאן

Melissa Baretsky
**518-561-0430 עקסט. 3058**
**Melissa.Baretsky@labor.ny.gov**

### דרום טיער ראיאן

Regenna Darrah
**518-457-1143**
**Regenna.Darrah@labor.ny.gov**

### וועסטערן ראיאן

Amy Riter
**716-851-2659 / פאקס 716-851-2636**
**Amy.Riter@labor.ny.gov**

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם.
בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.